# די וועכנטליכע מאמר אין עבודת ה' און אויף ענינים העומדים על הפרק

## פון כ"ק מרן פוסק הדור

# ראב"ד ירושלים הגאון האדיר רבי משה שטערנבוך שליט"א

## פרשת פנחס תשפ"ב

### מאכן א פשרה אין די תורה

**"פנחס בן אלעזר בן אהרן הכהן כו' בקנאו את קנאתי בתוכם". (כ"ה י"א)**

**לכאורה** איז די גאנצע מעשה מיט זמרי בן סלוא אומפארשטענדליך, ער איז דאך געווען א נשיא בישראל, ווי אזוי האט ער זיך דערקייקלט אזוי נידריג ביזן גיין מזנה זיין בפרהסיא, א זאך וואס אפילו די גרעסטע פושעי ישראל טוהען נישט.

**האט** מרן הגאון רבי יוסף חיים זוננפעלד זצ"ל מסביר געווען, אז זמרי האט עס נישט געטוהן צוליב א נידריגע תאווה וואס ער האט געהאט, נאר ער האט עס געטוהן צוליב א 'שיטה' וואס ער האט אויפגעבויט אז מיט דעם וועט ער פארשטילן די חרון אף וואס האט געהערשט אויף כלל ישראל, ווייל די בנות מואב האבן מכשיל געווען די אידן מיט צוויי ענינים, סיי מיט עבודה זרה און סיי מיט זנות, [ווי חז"ל ברענגען אז קודם האבן זיי איינגערעדט די אידן צו דינען די בעל פעור, און נר נאך וואס מ'איז דורכגעפאלן מיט'ן דינען ע"ז האט מען זיי צוגעהערט צו די עריות], און זמרי האט געוואלט מאכן א תיקון אז די אידישע קינדער זאלן מער נישט עובר זיין אויף ע"ז נאר אויף עריות, וועגן דעם האט ער גענומען בפרהסיא די מדינית כזבי בת צור וואס איז געווען מזרע המלוכה, און ער האט געזינדיגט מיט איר אן זיך צוהערן צו איר בקשה צו דינען ע"ז, און ער האט אינזין געהאט אז אזוי וועלן די אידן כאטשיג נאר עובר זיין אויף עריות און נישט אויף ע"ז, און פאר דעם האט ער עס געמאכט דווקא "לעיני כל ישראל", כדי יעדער זאל זעהן און זיך אפלערנען פון אים צו זיך האלטן שטארק און זיך נישט לאזן איבעררעדן פון זיי צו דינען ע"ז.

**און** מיט דעם האט הגרי"ח זוננפעלד זצ"ל מפרש געווען די ווערטער פון חז"ל "עושים מעשי זמרי ומבקשים שכר כפנחס", אז זמרי אליינ'ס האט געהאלטן אז ער איז א 'קנאי', וויבאלד ער קעמפט דאך קעגן ע"ז, און לויט זיין שיטה איז אים געקומען שכר ווי פנחס ווייל ער האט עס געמאכט לשם שמים, אבער די אמת איז געווען פארקערט, אז נאר וועגן דעם איז ארויס די חרון אף צו פארלענדן גאנץ כלל ישראל, וויבאלד אונז טארן נישט שניידן חלקים פון די תורה אויך כדי צו קענען מקיים זיין אנדערע חלקים, און וועגן דעם איז זמרי גע'הרג'עט געווארן און געשטראפט געווארן ווי א די דין פון א בועל ארמית און נישט ווי א קנאי.

**בעוה"ר** האט זיך אין די לעצטע דור זייער שטארק פארשפרייט די פראבלעם, ווען מענטשן טוהען זיך אן מיט א לבוש פון קנאות כדי צו קענען אנפירן פארשידענע מלחמות, און זיי זענען עובר דאן אויף הארבע עבירות ווי ביזוי תלמידי חכמים און מחלוקת און לשון הרע און נאך, אלעס צו קענען פירן זייערע מלחמות, און זיי פרייען זיך מיט'ן באקומען די טיטל 'קנאים' ווען באמת איז זייער ריכטיגע טיטל 'אפיקורסים', וויבאלד איינער וואס איז מבזה א ת"ח ווערט אנגערופן אן אפיקורס, אזוי ווי ס'שטייט אין גמרא (סנהדרין צ"ט:), און אויף זיי און זייער'ס גלייכן שטייט 'עושה מעשי זמרי ומבקש שכר כפנחס', ווייל זמרי איז אויך געווען ווי זיי, און געמיינט אז ער איז א קנאי און געוואלט באקומען שכר ווי פנחס, אבער צום סוף איז ער גע'הרג'עט געווארן און זיין נאמען ווערט דערמאנט מיט א בזיון.

### זיך נישט משתתף זיין אין די מלחמה קעגן פושעים

**"בקנאו את קנאתי בתוכם". (כ"ה י"א)**

"בקנאו את קנאתי בתוכם. שעשה נקמתי לעיני כולם כדי שכראותם זה ולא ימחו יכופר על אשר לא מיחו בפושעים וזה השיב את חמתי מעליהם". (ספורנו)

**שטייט** דא אין ספורנו אז די תורה דריקט אונז דא מיט דיווארט "בתוכם", אונז צו זאגן אז פנחס האט מקנא געווען קנאת ה' דווקא בפרהסיא און נישט באהאלטן, כדי אידישע קינדער זאלן עס צוזעהן, און זיי זאלן שווייגן און נישט מוחה זיין אויף אים, און מיט דעם וועט זיי ווערן מכופר אויף דעם וואס זיי האבן געשוויגן אין אנפאנג און נישט מוחה געווען אויף זמרי.

**מ'קען** מסביר זיין זיינע ווערטער אזוי, ס'איז דא צוויי סארטן מענטשן וואס זענען זיך נישט משתתף אין קיין מלחמות אנטקעגן די פושעי ישראל, ס'איז דא וואס זענען זיך נישט משתתף אלס א 'שיטה', אז ס'איז בעסער אונז זאלן זיך נישט מישן אין זייער לעבנ'ס שטייגער, און זיי לאזן טוהן וואס זיי ווילן, פון צווייטן זייט איז דא מענטשן וואס ס'איז נישט קיין אויפגעבויטע 'שיטה' ביי זיי, נאר זיי האלטן אז זיי זענען נישט געמאכט צו גיין מוחה זיין, און די וועג ווי אזוי א מענטש קען זיך מעסטן פון וועלכע גרופע ער איז, איז אז ער זאל קוקן ווי אזוי רעאגירט ער ווען ער זעהט ווי אנדערע אידן זענען מוחה און זענען מקנא קנאת ה', אויב איז ער מוחה קעגן זיי און ער שרייט אז זיי זאלן נישט מוחה זיין קעגן די פושעים, ווייזט ער אז אר איז פון די מענטשן וואס זענען נישט מוחה בשיטה אס אונז דארפן נישט מוחה זיין, אבער טאמער שווייגט ער, ווייזט ע אס באמת פריידט ער זיך אז ס'איז דא קנאים וואס טוהען א ריכטיגע ארבעט, נאר די סיבה פארוואס ער איז נישט מוחה איז וויבאלד ער האלט אז ער פארמאגט נישט די ריכטיגע כוחות דערצו.

**דאס** זאגט דער ספורנו, אז ווען כלל ישראל האט געשוויגן ווען פנחס איז ארויסגעקומען מקנא זיין קנאת ה', האבן זיי אויפגעוויזן דערמיט אז דאס וואס ביז יעצט האבן זיי נישט מוחה געווען אין זמרי, איז נישט געווען וויבאלד זיי האבן געהאלטן אז מ'דארף נישט מוחה זיין, נאר וויבאלד זיי האבן געהאלטן אז זיי זענען נישט בכח צו מוחה זיין, און וועגן דעם איז אפגעטאן געווארן די חרון אף, און ס'איז געווען א כפרה פאר גאנץ כלל ישראל.

**מיין** ידיד הרה"צ רבי עמרם בלוי זצ"ל וואס האט מקיים געווען די פסוק "גוי נתתי למכים ולחיי ידידי למרטים, פני לא הסתרתי מכלמות ורוק", און ער האט זיך מוסר נפש געווען מלחמה צו האלטן פאר כבוד שמים יעדן איינציגן שבת קודש קעגן די חילולי שבת, [און איך האב אליינ'ס געזעהן עטליכע מאל ווען ער האט מוחה געווען קעגן פארקויפן טיקעט'ס אין שבת, טראץ וואס מ'האט אים גוט אנגעשלאגן, האט ער ממשיך געווען מוחה צו זיין, און זיך נישט אפגעהאלטן פון זיי שטערן מחלל צו זיין די שבת], האט ער זיך אמאל אפגערעדט צו מרן הגרי"ז זצ"ל אס נאר א קליין געזעמל אידן קומען מיט אים צו די הפגנות פאר כבוד השבת, און ווען עס וואלטן געקומען מער מענטשן וואלט מען געקענט אויפטוהן אסאך מער, האט אים מרן זצ"ל געענטפערט, "ס'איז גענוג רבי עמרם, אז ס'איז נישט דא אזעלכע וואס קומען ארויס מוחה זיין קעגן דיר און קעגן דיין קנאות", און ער האט אים צוגעוויזן די ווערטער פון דער סופרנו אז דאס אליינ'ס אז מ'איז נישט מוחה קעגן די וואס זענען מוחה איז עס א כפרה פאר'ן נישט מוחה זיין, [אנדערע פארציילן די מעשה אויף הרה"ק בעל ה'דברי יואל' פון סאטמאר זי"ע אז ער האט עס געזאגט צו הרה"צ רבי עמרם].

### נישט מיט יעדעם דארף מען שלום מאכן

**"הנני נותן לו את בריתי שלום"** (כ"ה י"ב)

**די** ווארט 'שלום' איז געשריבן מיט א ו' קטיעא, דאס קומט אונז צו מרמז זיין אז די ווארט 'שלום' אן קיין ו' איז דאך 'שלם' וואס דאס איז א לשון פון שלימות, צו ווייזן אז אפי' ווען מ'גייט שלום מאכן דארף מען אבער נאך אלץ אכטונג געבן אויף די שלימות התורה, און ח"ו נישט נאכגעבן און זיך מתפשר זיין אויף קיין חוט השערה פון א הלכה אדער א מנהג אין די תורה הק' כדי צו שלום מאכן, ווייל די תורה ליגט נישט אין אונזערע הענט, און אונז פארמאגן נישט קיין רשות נאכצוגעבן אויך אויף די קלענסטע פרט פון די תורה.

**און** אויף דעם ארויף דאווענען אונז יעדן טאג צום באשעפער "וטוב בעיניך לברך את עמך ישראל בכל עת ובכל שעה בשלומך", אז אונז זאלן זוכה זיין צו א שלום וואס איז גוט און שיין אין זיינע אויגן, וואס דאס איז א שלום מיט צדיקים און נישט מיט רשעים וואס איז א פאלשע שלום, ווייל באמת איז עס נישט קיין

‹

שלום נאר ט מחלוקת צווישן אונז און די פמליא של מעלה ה"י.

**אזוי** אויך טרעפן מיר ביים קרבן פסח, וואס פון איין זייט קומט עס ווייזן אויף אחדות צווישן אידישע קינדער, ווייל מ'דארף עס דאך עסן מיט א חבורה (מהר"ל ב'גבורות ה'), אבער פון די אנדערע זייט ווארנט די תורה אן (שמות י"ב מ"ג) "כל בן נכר לא יאכל בו", און די רמז פון דעם איז אז מ'טאר נישט מאכן קיין אחדות מיט'ן בן נכר וואס דאס איז א מומר (פסחים צ"ו.), נאר פארקערט מ'דארף זיך דערווייטערן פון אים, ווייל ס'איז א איסור לאו צו מלמד זכות זיין אויף זיי, אזוי ווי ס'שטייט אין סנהדרין (כ"ט.), און מ'טאר ח"ו נישט שלום מאכן מיט זיי.

**אזוי** ווי רבינו יונתן אייבשיץ זצ"ל איז מסביר וואס אונז האבן געלערנט (ירושלמי שקלים א', א') "באחד באדר משמיעין על השקלים ועל הכלאים", אז צוזאמען מיט'ן אויסרוף צו ברענגען א מחצית השקל וואס די ענין דערפון איז מייחד צו זיין אלע חלקים פון כלל ישראל, דארף מען אבער זייער אכטונג געבן אויף כלאים, אז מ'זאל זיך ח"ו נישט באהעפטן "מין בשאינו מינו" דהיינו צדיקים מיט רשעים, נאר מ'זאל זיך נאר מאחד זיין מיט "מין במינו", דהיינו מיט צדיקים און ערליכע אידן.

**און** לויט דעם איז ער מסביר די ענין פון געבן דווקא א מחצית השקל, אז פון איין זייט דארף מען טאקע ווייזן אז יעדער איד איז א פלג גופא און מען מוז זיך צוזאמען האלטן, אבער פון צווייטן זייט שטייט "שקל הקודש" אז די אחדות זאל זיין קודש, און מ'זאל זיך נישט מאחד זיין ח"ו מיט רשעים און אפיקורסים, ווייל דאס שלעפט א מענטש נאך זיי, און עס קען ברענגען א שרעקליכע שאדן ח"ו.

**ווען** די "מזרחי'שע פארטיי" האט זיך אויפגעשטעלט איז זייער עיקר טענה געווען אז מיט זייער וועג פארמערן זיי אהבת ישראל, אבער

די המשך איז אויף די פעדרע עמוד

## פארשידענע הנהגות און הדרכות בקודש פנימה

### זיך אינטערעסירן אין די דרויסנדיגע וועלט

**מרן** שליט"א איז מעורר אויף די היינטיגע מצב אין די עולם הישיבות, וואס עס זענען דא אזעלכע בחורים וואס אינטערעסירן זיך אין די דרויסנדיגע וועלט, און וועגן דעם קענען זיי נישט אריינווארפן אינגאנצן אין לערנען, און אויף דעם אופן איז נישט שייך אויסצוואקסן, און ער האט דערציילט אז דער ראגאטשוב'ער גאון זצ"ל איז אריינגעגאנגען אין א ביהמ"ד ווען ס'האט אויסגעבראכן די ערשטע וועלט מלחמה זיך דארטן צו באהאלטן, און ער האט געבעטן פון איינע פון זיינע ידידים אז ווען די מלחמה ענדיגט זיך זאל ער אים קומען לאזן וויסן אז ס'איז געקומען צו א ענדע, און אזוי איז טאקע געווען, דער ראגאטשוב'ער איז געזעצן אין ביהמ"ד פאר דריי יאר, און געלערנט דארטן ברצופות אן זיך אינטערעסירן אין די דרויסנדיגע וועלט, און אן האבן די מינדסטע אנונג וואס ס'גייט פאר ביי די מלחמה, און נאר סוף פון די מלחמה איז מען אים געקומען מודיע זיין אז די מלחמה האט זיך געענדיגט און מ'קען שוין ארויסגיין פון ביהמ"ד.

### זמירות שבת ביים 'חזון איש'

**איינער** האט אמאל געוואלט טענה'ען פאר מרן שליט"א, אז דאס וואס דער חזון איש פלעגט מקצר זיין אין די זמירות שבת איז א נס און א גרויסע געווינס פאר די גאנצע יהדות החרדית, ווייל מיט יעדע רגע וואס דער חזון איש האט געלערנט תורה איז געווארן פון דעם א גאנצע 'ספר חזון איש' וואס באלייכט די גאנצע אידישע וועלט, און אויב וואלט דער חזון איש מער מאריך געווען אין די זמירות שבת וואלט זיך מצטרף געווען אסאך שעות אן לימוד התורה, און די ספר חזון איש וואלט געווען אסאך קלענער, און די שאדן וואלט זיך שטארק אנגעזעהן אין די עולם התורה.

**האט** מרן שליט"א אוועקגעמאכט זיינע ווערטער און אים געזאגט, "מיינסטו דען אז צו קענען פארשטיין די תורה ווענדט זיך וויפל שעות מ'לערנט?, ס'פעלט דאך אויס סייעתא דשמיא פאר דעם, און די אלע גדולים וואס האבן געזינגען מיט א דביקות די זמירות שבת פאר א לענגערע צייט ווי די מנהג איז, זענען זוכה געווען צו א געוואלדיגע סייעתא דשמיא, און אין איין שעה זענען זיי זוכה צו פארשטיין די תורה הקדושה וואס נעמט געווענדליך עטליכע שעות, און דאס וואס דער חזון איש פלעגט נישט זינגען די זמירות שבת פאר א לענגערע צייט איז נישט געווען כדי צו פארשפארן צייט פאר לימוד התורה.

### יראת שמים

**מרן** שליט"א האט אנגעזאגט איינעם פאר ער איז אריין אין ישיבה אז ער זאל לייגן א שטארקן דגש אויף תורה און יראת שמים, און נאך וואס יענער האט אנגעפאנגען אוועקצוגיין, האט אים מרן שליט"א צוריק גערופן און געזאגט, "ס'איז פאלש געזאגט, נאר לייגט א דגש אויף יראת שמים אליינ'ס, און אין דעם איז שוין אלעס אריינגערעכנט".

### די גדולי ישראל

**מרן** שליט"א האט דערציילט אז הגאון רבי איסר זלמן מעלצער זצ"ל האט דערציילט אז ער איז געווען א רב פאר ער איז געווארן א ראש ישיבה, און צו זיין גרויס וואונדער זעהט ער אז מ'שעצט אים איצטער מער אלס ראש ישיבה ווי ווען ער איז געווען א רב, וואס דאס איז פארקערט ווי ס'פלעגט זיין אין די פריערדיגע דורות וואס די מנהיגי ישראל זענען געווען די וואס זענען געווען שטארק אין פסק'ענען הלכה למעשה, און מ'האט געוואוסט אז די עיקר פון די לערנען איז צו קענען ארויסקומען מיט הלכה למעשה, אזוי ווי מ'טרעפט אין חז"ל אז ווען מ'איז נתפעל געווארן פון די גרויסקייט פון א יונגן מענטש האט מען געזאגט "מובטחני בו שיהיה מורה הוראה בישראל", און מ'האט נישט געזאגט "מובטחני שיהיה ראש ישיבה בישראל", זעה מיר אז די עיקר גדלות מעסט מען לויט די כוחות צו פסק'ענען הלכה למעשה.

**אבער** מ'טרעפט יא ביי הגאון רבי חיים בריסק'ער זצ"ל, אז טראץ וואס ער איז געווען רב אין שטאט בריסק פלעגט ער אבער נישט פסק'ענען קיין הלכות, און ער פלעגט שיקן זיינע שאלות פאר'ן מו"ץ רבי שמחה זעליג זצ"ל, אזוי אויך זיין זוהן הגרי"ז (נאר הגרי"ז פלעגט בעטן צו דורכקוקן יעדע גט פאר'ן עס געבן, כדי בודק צו זיין פון פראבלעמען ע"פ הלכה), אבער דאך פלעגן אלע גדולי ישראל אין די פריערדיגע דורות זיין מורי הלכה למעשה אין אלע חלקים פון די תורה.

### א טעם אין לערנען

**א** בחור איז אריינגעקומען צו מרן שליט"א און זיך אפגערעדט אז ער פילט נישט קיין טעם און א געשמאק אין לערנען, און ער האט געבעטן פאר א עצה ווי אזוי צו קענען פילן א טעם אין לערנען, מרן שליט"א האט אנגעכאפט זיינע הענט און עס אזוי געשאקלט עטליכע מאל, און אים געזאגט: "איך זעה אויף דיר אז דו ביזט א גוטער בחור", אבער דער בחור האט ווייטער גע'טענה'עט "שוין א שטיק צייט וואס איך בין געווארפן געווארן פון עטליכע ישיבות, איך פיל נישט קיין שום טעם אין לערנען, און יעצט וויל מען מיר אויך ווארפן פון די ישיבה ווי איך לערן יעצט", האט אים מרן שליט"א געזאגט "אויב פילסטו נישט קיין געשמאק אין לערנען גמרא, דעמאלט'ס פאנג אן צו לערנען שולחן ערוך, הייב אן וועסטו זעהן ווי גוט ס'איז", האט דער בחור געפרעגט וועלכע חלק אין שולחן ערוך, האט אים מרן שליט"א געענטפערט "זאל'סט לערנען קיצור שולחן ערוך", און ער האט צוגעלייגט "קום צו מיר אין א צייט ארום מיר צו דערציילן וואס דו לערנ'סט און וויפל דו ביזט שוין אנגעקומען".

**אין** יענע מינוט האט דער בחור אויסגעפלאצט אין א ביטערן געוויין, און געזאגט "איך דארף א ברכה געראטעוועט ווערן פון די אינטערנעט", מרן שליט"א האט אים פרובירט צו בארואיגן, און אים געזאגט אז ווען ער וועט דערגרייכן א טעם אין לערנען וועט ער שוין מער נישט האבן קיין נסיון צו נאכגעשלעפט ווערן פון די אינטערנעט, און יעצט זאל ער אנהייבן מיט'ן לערנען קיצור שולחן ערוך, און שטייטלעך וועט ער צוריק ארויפגיין אויפ'ן דרך המלך, און ער האט אים געשיקט צו מחנכים וואס זאלן אים געבן עצות און הדרכות ווי אזוי זיך ארויסצודרייען פון די נסיון האינטערנעט.

# עובדות און הנהגות פון מרן שליט"א

**אין** די יאר'ן וואס מרן שליט"א האט געוואוינט אין שטאט 'ראש העין', אויסער וואס ער האט דארטן אנגעפירט די ארטיגע כולל, האט ער אויך מייסד געווען א ישיבה לויט די הדרכה פון הגאון רבי אהרן קאטלער זצ"ל וואס האט געזאגט אז די תימנ'ער אידן דארפן וויסן וואס עס מיינט א ישיבה, חוץ פון די עיקר ציל וואס איז אים געלעגן אויפ'ן קאפ מחנך צו זיין די יונגע דור אויף די מסורה'דיגע וועג, און זיי זאלן ח"ו נישט נאכגעשלעפט ווערן פון די בייזע ווינטן און די פרעמדע דיעות וואס האבן געבודזשעוועט מיט'ן פעסטן אייפער דורך די פושעי ישראל, און מרן שליט"א האט זיך ארייַנגעלייגט בעובי הקורה אויפצושטעלן די ישיבה, און אין טאג פון ר"ח אלול תש"ל איז אפגעראכטן געווארן די מעמד חנוכת הבית פאר די נייע ישיבה.

**די** לאנגע וועג וואס מרן שליט"א האט דורכגעמאכט ביז'ן אויפשטעלן די ישיבה איז אינגאנצן נישט געווען קיין לייכטע ארבעט, ער האט זיך אנגעשטויסן אינצווישן אין אסאך שוועריקייטן, צום ערשט'נס, אין תימן האט מען נישט געוואוסט צו זאגן פון אזא געדאנק פון א ישיבה, [וויבאלד יעדער פון זיי איז געווען אפגעהיטן און אייַנגעהאלטן די תורה'דיגע און מסורה'דיגע וועג, און מ'האט נישט מורא געהאט אז טאמער וועט מען נישט לערנען אין א ישיבה וועט מען ווערן ח"ו פארדארבן, פארדעם פלעגט זיין חבורות פון עטליכע שעות אין טאג צו לערנען, און אין די אנדערע שעות האט מען שווער געארבעט פאר פרנסה], און פאר מרן שליט"א איז געשטאנען א שווערן ארבעט דורכצופירן, אריינצוברענגען אין די תימנ'ער אידנטום א פרישן געדאנק פון א ישיבה.

**אויב** דאס איז נישט גענוג געווען האט זיך מרן שליט"א אנגעאנקערט אין א פרישן פראבלעם, ווען די עלטערן פון די בחורים האבן קלאר אראפגעשטעלט זייער ווידערשטאנד צו אזא געדאנק, וויבאלד זיי האבן גע'טענה'עט אז אויב וועלן זיי שיקן די בחורים אין א ישיבה, וועלן זיי זיך נישט אויסלערנען קיין שום פאך, און וואס וועט זיין מיט זייער פרנסה.

**אויך** דא האט זיך מרן שליט"א ארויסגעשטעלט ווי א פעלזן שטיין, און נישט געקוקט אויף רעכט'ס און לינק'ס, נאר ער האט געעפנט א ישיבה אכטונג צו געבן אויפ'ן יונגן דור, און כדי איינצושטילן די טענות פון די עלטערן וועגן פרנסה, האט מרן שליט"א אויסגעלערנט די בחורים איינמאל א וואך מוצש"ק די ליטעראטור פאך, און געלייגט א שטארקן געוויכט זיי זאלן זיך אויסלערנען גאנץ הלכות סת"ם מיט אלע דקדוקים, און מיט דעם האט ער מצליח געווען איבערצורעדן און פויעל'ן ביי די עלטערן זאלן גרייט זיין אהינצושיקן זייערע קינדער, און אזוי האט ער געקענט אפראטעווען די יונגע נשמות.

**מרן** שליט"א שרייבט אין די הקדמה פון זיין ספר "מצוות היום" (איבערגעטייטשט אויף אידיש): "אונז האבן געמאכט א חידוש ביי אונז אין ישיבה, אז יעדע מוצש"ק לערנט מען זיך אויס די צורת האותיות מיט אלע זייערע הלכות, און ס'זענען פארהאן אזעלכע וואס פארפירן אז מ'מישט צוזאם חול מיט קודש, און אונז האבן געזאגט אז ס'איז נישט אמת, וויבאלד די תורה הקדושה איז נישט נאר א ספר פון געזעצן און הלכות, נאר די הייליגע תורה האבן אונז באקומען אויפ'ן בארג סיני מיט די כתב אשורית, געשריבן געווארן דורך דעם באשעפער'ס כתב יד אויסגעקריצט אויף די לוחות, און פארדעם איז לערנען די צורות האותיות ווי לערנען די גוף התורה, און אונז זענען ארויסגעקומען מיט דעם אז מ'קען נאך מיט די וועג היינט צוטאגס ראטעווען קינדער וואס זייערע עלטערן זענען ספרדים אדער תימנים וואס ווילן אויסלערנען פאר זייערע קינדער א גרינגן פאך, און וועגן דעם שיקן זיי די קינדער צו די פרייע זיך צו לערנען א פאך און זיי ווערן אינגאנצן פארדארבן, משא"כ ווען זיי לערנען זיך שרייבן אותיות קענען זיי שפעטער זיך דורך דעם שפייזן בכבוד טראץ וואס זיי זיצן און לערנען א גאנצן לעבן, און אונז האבן געזאגט אז ס'איז נישט פארהאן מיט'ן עס לערנען א פגם אין די קדושת הישיבה, נאר פארקערט עס ברענגט צו נאכמער קדושה, און עס ליגט א חוב אויף אידישע קינדער נישט זיך צו פארהוילן דערפון, וויבאלד מ'רעדט דא פון אפראטעווען נאך נפשות בעזהשי"ת".

**און** ב"ה אז אויך אין דעם האט מרן שליט"א געזעהן א געוואלדיגע סייעתא דשמיא למעלה מדרך הטבע, ווען די ישיבה האט זיך פארברייטערט און אוועקגעשטעלט צענדליגער תלמידים, און מרן שליט"א האט זיי איבערגעגעבן שיעורים אויף די ישיב'ישע דרך הלימוד, און אייַנגעבראקן אין זיי די תורה'דיגע השקפה אין אלע געשעענישן און די געוואלדיגע זהירות וואס פעלט זיך אויס פון די עוקרי הדת אין ארה"ק וואס האבן געזיכט זיי אריינצוכאפן, און פון די ישיבה זענען געוואקסן און ארויסגעקומען פילע מרביצי תורה, רבנים און מורי הוראה, און דאס האט געראטעוועט די תימנ'ער אידנטום כפשוטו.

# א מאמר אין הלכה

## זיך אריינלייגן אין א סכנה לצורך מצוה

**"וירא פנחס ויקח רומח בידו" (במדבר כ"ה ז')**

**אין** גמרא (סנהדרין פ"ב.) ווערט געברענגט "מה ראה, ראה שבא מלאך והשחית בעם". ער מיינט צו זאגן, ווייל לכאורה ווי אזוי האט ער געמעגט זיך ארייַנלייגן אין א סכנה, אזוי ווי די גמרא זאגט דארט (פ"ב:) אז זעקס ניסים איז אים געשעהן כדי ער זאל געראטעוועט ווערן, נאר צוליב וואס דאס איז געווען אן הצלת רבים האט ער געמעגט.

און איך וועל צוברענגען עטליכע מעשיות וואס מ'זעהט אז א יחיד האט זיך ארייַנגעלייגט אין א סכנה כדי צו ראטעווען א רבים. אין ווילנא האט פאסירט אז ס'איז גע'גנב'עט געווארן פון זייער קירכע טייערע כלים, און זיי האבן חושד געווען אז די אידן האבן עס גע'גנב'עט, און זיי האבן געזאגט אז אויב ביז פיר און צוואנציג שעה ווערט עס נישט צוריקגעברענגט וועט פארקומען שרעקליכע פראגראמען אין שטאט און הונדערטער קענען גע'הרג'עט ווערן, דער גר צדק פון ווילנא איז געגאנגען פארשלאגן פאר רבינו הגר"א זצ"ל אז ער וועט אהינגיין זאגן אס ער האט עס גע'גנב'עט, און ס'איז דא א שטיקל האפענונג אז וויבאלד ער איז א קאטאליסט וועלן זיי אים נישט הרג'ענען, האט אים דער גר"א געענטפערט ווארט ביז מארגן און איך וועל דיר ענטפערן תשובה, דער גר אבער האט נישט געווארט וויבאלד ער האט מורא געהאט פון א פראגראם, און ער איס אהינגעגאנגען און זיך מודה געווען אז יר האט עס גע'גנב'עט, און זיי האבן געאורטיילט צום טויט,, זיינע קרובים האבן אים פארגעשלאגן אז ער זאל זיך שמד'ען און ער וועט ארויסגיין פריי, אבער ער האט נישט געהאלטן דערביי און ער איז צום סוף טאקע פארברענט געווארן. אבער ס'איז נישט קלאר געווארן וואס איז געווען די ספק פון דיר גר"א אז ער האט אים באפוילן צוווארטן, ס'איז דא וואס זאגן אז ער האט געהאפט אז מ'וועט קענען מבטל זיין די גזירות מיט תפילות.

**בשעת** ווען ס'האט געבוזשעוועט די כאלערע מגיפה האט הגר"ח גע'פסק'ענט אין בריסק אז מ'איז מחוייב צו באהאנדלען די אנגעשטעקטע אין די קרענק כאטש וואס מ'לייגו זיך אריין אין א סכנה, און מ'קען נישט לאזן פילע אידן זאלן שטארבן מיט א טענה אז ס'איז א סכנה זיי צו באהאנדלען, און ער אליינ'ס האט באהאנדלט מענטשן און זיך נישט צוגעהערט צו די טענה אז ס'איז א סכנה, ווייל ער האט געהאלטן אז ווען א רבים זענען אין א סכנה קענען זיך נישט קיין יחידים פטר'ען מיט א טענת סכנה.

**און** אזוי אויך ביי די מגיפה אין שטאט לאדז'ש האט הגאון רבי אליהו חיים מייזעלס זצ"ל גע'פסק'ענט אז מ'דארף ארבעטן צו ראטעווען אידן און נישט מורא האבן פון א סכנה, און ער אליינ'ס האט אויסגעטוהן די רבני'שע קליידער און עוסק געווען אין ראטעווען אידן און זיך נישט דערשראקן פון די טענה אז ער לייגט זיך אריין אין א סכנה.

**און** וויבאלד אונז טרעפן מיר אז ס'איז פארהאנען יחידים וואס זענען שקול ווי א רבים, אזוי ווי יאיר בן מנשה וואס איז געווען שקול ווי רוב פון די סנהדרין (ב"ב קכ"א:) און אבישי בן צרויה (ברכות ס"ב:), און אין סוטה (ל"ה:) שטייט אז עס זענען דא זיבעציג מענטשן וואס יעדער איינער איז שקול ווי פופציג טויזנט, און פופציג טויזנט וואס יעדער איינער איז שקול ווי די זיבעציג סנהדרין, פארדעם מעג א מענטש זיך אויך מסכן זיין צו ראטעווען א גדול בישראל.

**בשעת** די שרעקליכע יאר'ן וואס אידן זענען גע'הרג'עט געווארן דורך די נאצי"ס ימ"ש, האבן אונז געהערט מעשיות ווי אידן האבן זיך ארייַנגעלייגט אין א סכנה צו ראטעווען א גדול בישראל אדער א רבי, וויבאלד זיי האבן געהאלטן אז זייע לעבן איז חשוב'ער, און זיי האבן עס אינזינען געהאט לשם שמים, און זיי האבן מקיים געווען מיט דעם א גרויסע מצוה.

**אין** ספר חסידים (סימן תרח"ץ) שרייבט ער אז "אויב צוויי מענטשן זיצן צוזאמען און עס קומען פיינט און ווילן הרג'ענען איינעם פון זיי, אויב איז איינער פון זיי א ת"ח און דער צווייטער איז א פשוט'ער איד, דארף דער הדיוט אים זאגן הרג'ע מיך און נישט מיין חבר". און דער הגריעב"ץ שרייבט אין זיין ספר 'מגדל עוז' (אבן בוחן פינה א' אות ע"ח ואות פ"ה) אז "א תלמיד חכם מעג זיך מוסר נפש זיין פאר איינער וואס איז א גרעסערער ת"ח פון אים, אבער ס'איז קלאר אז א מענטש טאר זיך נישט מוסר נפש זיין און זיך לאזן הרג'ענען כדי צו ראטעווען זיין חבר פון זיין אייגענע ווילן און צוליב א אהבה שאינה תלויה בדבר, נאר אויב ווייסט ער קלאר אז זיין חבר איז א גרעסערער ת"ח און צדיק פון אים". און מסברא זאג איך אז אויב די ציבור דארף ענדערשטער האבן זיין חבר ווי אים מעג ער זיך מוסר נפש זיין, און מ'שאצט נישט צו ער איז א גרעסערער ת"ח און צדיק פון אים, כאטש וואס טאמער ער איז חשוב'ער פון אים איז עס זיכער ענדערשטער, און די ווערטער פון דער יעב"ץ אז מ'טאר זיך נישט מוסר נפש זיין פאר א חבר וואס איז די זעלבע מדריגה ווי אים איז א חידוש.

**אין** שו"ת אגרות משה (יו"ד ח"ב סוף סי' קע"ד) זאגט ער א נייע חידוש, אז טאמער דער באשעפער האט צוגעפירט אז זיין חבר איז אין א סכנה און נישט ער טאר ער אים נישט אויפטוישן, ע"ש היטב וצ"ע.

(תשובות והנהגות ח"ה סוף סימן ש"צ)

# דברים העומדים על הפרק

## א אידישע בית הקברות

**אין** די יעצטיגע תקופה איז אויפגעדעקט געווארן איבער א שרעקליכע שערוריה אין א בית החיים אין שטאט 'ראשון לציון', ווען אין א אידישע בית הקברות זענען באגראבן געווארן א צאל פון נוצרי'שע גוים, און אין א טייל פעלער איז דארטן אויך אפגעראכטן געווארן קבורה צוזאמען מיט די גלחי'שע נוצרי'שע צערעמאניע ה"י.

**ווען** די שרעקליכע אינצידענט וואס ציטערט אויף יעדע אידישע הארץ איז באקאנט געווארן, זענען מרן הראב"ד שליט"א צוזאמען מיט די חברי בד"ץ אין עיה"ק ארויסגעקומען מיט א שארפע מחאה, ווען אין זייער בריוו צייכענען זיי אן אז ס'איז ליידער נישט קיין ערשטע מאל וואס פאסירט אזעלכע סקאנדאלן אין די בתי הקברות אין ארה"ק, און עס ליגט א פליכט צו שטיין על המשמר און זיכער מאכן און אנווארענען די אלע וואס זענען מזלזל אין די קדושת בית החיים, און ווערן נישט געשראקן פון אזעלכע ווייטערדיגע אינצידענטן ה"י.

**פאלגנד** ברענגען מיר אראפ די לשון פון די בריוו וואס איז געשריבן געווארן אונטערן קעפל "חרפה ובזיון בראשון לציון":

"**בבית** ישראל ראינו שערוריה כאשר הגיעה אלינו ידיעה מזעזעת על הנעשה בבית הקברות בראשון לציון, שקוברים גויים לצד יהודים בבית קברות יהודי בטקסי קבורה גויים בהנהגת כומרים נוצרים רח"ל. וכל זה היא התדרדרות נוספת בשינוי דרך וצורת הקבורה היהודית מקדמת דנא אשר כמה וכמה פעמים כבר התרענו והזהרנו ע"כ. חובת כל איש יהודי באשר הוא למחות נגד מזימת רשע זו, וכבר לפני כשנה מחינו על כך שבצבא קוברים יהודים לצד גויים ועכשיו מתירים זאת כבר בבתי קברות יהודיים, והוא נגד הלכה למשה מסיני שלא לקבור רשע אצל צדיק ובוודאי לא גוי אצל יהודי. וכבר נודעה העיר ראשון לציון בקידוש ש"ש שעשו יראים ושלמים בשעתו בענין זה. ויש לעמוד על המשמר בכל דרך ואופן שהוא שלא לשנות מדרכי הקבורה אשר נתקדשו בכלל ישראל, וחלילה להכנס לפרצות דחוקות מאלו אשר מקלם יגיד להם כי אין להם שחר ודרכם להזיק לכל יסודות היהדות בפלפולים של הבל. ומן השמים ירחמו עלינו שנזכה בקרוב לקיום היעוד המקווה מתים יחיה א'ל ברוב חסדו ויקוצו וירננו שוכני עפר בבוא לציון גואל בב"א.

## לימוד חומש רש"י

**פאריגע** וואך האבן באזוכט ביי מרן שליט"א די ראשי ארגון "לומדי תורתך" וואס זענען מחזק טויזנטער בחורים זאלן לערנען יעדע איינציגע וואך די חומש רש"י פון די וואך, און איבער פיר אהאלב טויזנט ישיבה בחורים אין ארץ ישראל און אין חו"ל שטעלן זיך צום פארהער אויף די לימוד חומש רש"י.

**מרן** שליט"א האט זיי אויפגענומען מיט א זעלטענע ליבשאפט, און געזאגט אז אין שו"ע (או"ח סי' רפ"ה סעי' ב') ווערט שוין גע'פסק'ענט אז א ירא שמים דארף יעדע וואך לערנען חומש מיט רש"י, און ער האט דערציילט פון זיינע יוגנט יארן אין ישיבה, אז זיין רבי הגה"צ רבי משה שניידער זצ"ל פלעגט פאדערן יעדע וואך פון יעדן בחור צו לערנען און זיך פארהערן חומש רש"י, (אויסער די בחינות וואס פלעגט פארקומען אויף די סדרי הישיבה, און אויף משנה ברורה, און אויף הלכות לשון הרע).

**אויך** האט מרן שליט"א דערציילט אז דער גור'ער רבי בעל ה'בית ישראל' זצ"ל האט אים געהאט געבעטן אז ער זאל מקפיד זיין צו לערנען יעדע וואך חומש מיט רש"י, און דער רבי האט צוגענדיגט מיט א שמייכל: 'דאס איז א אישות'דיגע טובה פאר מיר'.

**אין** לויף פון די מעמד האט מרן שליט"א אויסגעלויבט די מנהלים פון די ארגענעזאציע "לומדי תורתך"אויף זייערע פארשידנארטיגע פעולות צו ברענגען די בחורים זאלן וועלן לערנען חומש רש"י מיט'ן באצאלן וכדו', און ער האט זיי אנגעוואונטשן אז חפץ ה' בידם יצליח, און זיי זאלן זעהן א גרויסע ברכה אין זייערע מעשים.

---

א המשך פון די צווייטע עמוד

אלע גדולי ישראל האבן זיך קעגנגעשטעלט מיט'ן גאנצן שטארקייט, וויבאלד זיי האבן געוואלט "שלום" נישט מיט "שלם", און זיי זענען גרייט געווען צו נאכגעבן און מוותר זיין אויף חלקים פון די תורה וועגן די שלום, און פארדעם איז זיי עס נישט געלונגען, און ווי מיר זעהען היינט אז זיי זענען די גאנצע שורש פורה ראש ולענה, און אונז האבן שוין געליטן פון זיי אסאך צרות, און די פאריגע גדולי הדור האבן געזעהן שוין דעמאלט'ס פונדערווייטנס זייער סוף וואס אונז זעהען היינט מיט אונזערע אויגן.

**און** ס'האט פאסירט א מעשה ביי בעלזא'ער רב דער מהר"י זצ"ל וואס ער איז ווי באקאנט געווען א שטארקער לוחם קעגן די משכילים, אז איינמאל זענען געקומען צו אים א גרופע פון משכילים, און אים געבעטן אז ער זאל שלום מאכן מיט זיי און אויפהערן צו מלחמה האלטן מיט זיי, האט זיי בעלזא'ער רב געענטפערט, אונז זאגן אין די זמירות פון שבת "שהשלום שלו ישים עלינו ברכה ושלום, משמאל ומימין על ישראל שלום הרחמן הוא יברך את עמו ישראל בשלום, ויזכו לראות בנים ובני בנים עוסקים בתורה ובמצות לשמה, על ישראל שלום", זעה מיר אז כאטש וואס מיר בעטן פון באשעפער אז ער זאל אונז ברענגען שלום פון רעכט'ס און פון לינק'ס, אבער נישט קיין שלום וואס וועט שטערן אין די חינוך פון אונזערע קינדער, וואס דאס איז א שלום מיט פושעים וואס וועט משפיע זיין שלעכט'ס, אדער א שלום וואס ברענגט מיט זיך פשרות אין אידישקייט ענינים, וואס דאס איז נישט די שלום וואס דער באשעפער וויל, און דאס איז נישט קיין ברכה נאר א קללה, און ס'איז נישט שייך בשופו"א צו מאכן אזא שלום, וויבאלד די חינוך הבנים איז די יסוד פון אידישקייט.

---

## שאלה וואס איז אנגעפרעגט געווארן
## ביי מרן פוסק הדור שליט"א

### אויב אירוסין הייסט היינטיגע צייטן קידושין

**עס** האט פאסירט א מעשה אז א חתן האט געגעבן א רינגל פאר זיין כלה, און ער האט איר געזאגט "זהו לאירוסין", און שפעטער האט דער חתן אפגעלאזט די שידוך, האט מען אנגעפרעגט ביי מרן שליט"א אויב מ'דארף חושש זיין אז די קידושין האט שוין חל געווען מיט דעם וואס ער האט איר געגעבן די טבעת און געזאגט "לשם אירוסין", וויבאלד אין די תורה איז 'אירוסין' די 'קידושין', אדער זאג איך אז ס'איז נישט דא פארוואס צו חושש זיין וויבאלד אין די היינטיגע לשון בני אדם ווערט 'אירוסין' אנגערופן נאר די שידוך און נישט מער.

**האט** מרן שליט"א געענטפערט אז מ'דארף אינגאנצן נישט חושש זיין אז די קידושין האט שוין חל געווען, וויבאלד היינט איז מען נאר מקדש במעמד החופה, וועגן דעם וויבאלד ער האט איר איבערגעגעבן א טבעת נישט אינטערן חופה זעה איך אז זיין מחשבה איז נישט געווען צו מקדש זיין דערמיט, און דאס וואס ער האט איר געזאגט לשם אירוסין האט ער מכוון געווען ווי די לשון בני אדם וואס רופן אירוסין די שידוכין, [טראץ וואס דער רמ"א אין אנפאנג סי' מ"ב שרייבט אז ביי קידושין גיי איך נישט נאך שאצונגען און הוכחות, דאס איז געזאגט געווארן נאר אויף א פאל וואס ער האט עכט געוואלט מאכן א קידושין נאר ער האט מכוון געווען לשם שחוק בעלמא, אבער טאמער האט ער בכלל נישט אינזינען געהאט צו מאכן א קידושין דעמאלט'ס איז דער רמ"א אויך מודה אז מ'דארף נישט חושש זיין].

**אבער** מרן שליט"א האט צוגעלייגט אז כדי מ'זאל נישט צוקומען צו אנפאנגען מזלזל צו זיין אין אזעלכע הארבע זאכן ווי חששות קידושין, איז בעסער אז דער חתן זאל זיך שטעלן פאר א בי"ד און זיי דערציילן די גאנצע מעשה, און די בי"ד וועט פסק'ענען אז מ'דארף נישט חושש זיין.

---

צו באקומען וועכנטליך די גליון שיקט א אימעיל צו:
7110992@gmail.com

צו האבן א זכות אין פארשפרייטן די הייליגע ספרים און גליונות אזוי האוכט -
צו אריינשיקן פאר די מערכת הערות והארות וועגן די גליון און וועגן די ספרים
שיקט א אימעיל צו gilyonhuraved@gmail.com
די נאמבער פאר נדבות און הנצחות איז: 17166234717